# אפט געפרעגטע פראגעס וועגן
# Access-A-Ride און Fair Fares NYC
# (Yiddish)

1. **איך בין אן MTA Access-A-Ride (AAR) קאסטומער. וויאזוי קען איך זיך אויפשרייבן פאר Fair Fares NYC (גלייכבארעכטיגטע פרייזן, FFNYC) און באקומען א ביליגערער פרייז פאר AAR רייזעס?**

גייט צו [www.nyc.gov/fairfares](http://www.nyc.gov/fairfares) צו זעהן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר FFNYC. אויב איר זענט בארעכטיגט, קענט איר זיך איינגעבן פאר FFNYC דורך צושטעלן אייער AAR ID נומער. אויב די MTA באשטעטיגט אייער AAR ID נומער, און איר ווערט באשטעטיגט, וועט איר באקומען 50% אראפ פאר יעדער AAR רייזע.

2. **איך בין אן AAR קאסטומער, און איך בין שוין איינגעשריבן אין FFNYC. וויאזוי קען איך זיך אויפשרייבן צו אנהויבן נוצן די FFNYC ביליגערער פרייז אויף AAR?**

לאג'ט אריין צו אייער אקאונט אויף [www.nyc.gov/accessfairfares](http://www.nyc.gov/accessfairfares) און דרוקט אויף "Update Access-A-Ride Information." פאלגט אויס די אנווייזונגען אויף די סקרין ארויפצולייגן אייער FFNYC ביליגערער פרייז אויף אייער AAR.

**<u>Access-A-Ride וויהיקלס וועלן נישט אנעמען אייער Fair Fares NYC מעטראו-קארטל. איר מוזט אפדעיט'ן אייער אקאונט כדי צו באקומען די ביליגערער פרייז</u>.**

3. **ווען וועל איך אנהויבן צו באקומען מיין FFNYC ביליגערער פרייז אויף AAR רייזעס?**

איר וועט אנהויבן באקומען די FFNYC ביליגערער פרייז אויף AAR רייזעס נאך וואס איר ווערט באשטעטיגט דורך FFNYC, און די MTA האט באשטעטיגט אייער AAR אינפארמאציע.

איר קענט אריינ'לאג'ן צו אייער אקאונט אויף [www.nyc.gov/accessfairfares](http://www.nyc.gov/accessfairfares) צו נאכקוקן די סטאטוס פון אייער AAR ביליגערער פרייז. אייער AAR ביליגערער פרייז וועט זיך אנפאנגען ביז א וואך נאכ'ן זיך איינשרייבן.

4. **וויאזוי נוץ איך מיין FFNYC ביליגערער פרייז אויף AAR?**

איינמאל אייער FFNYC ביליגערער פרייז ווערט ארויפגעלייגט אויף אייער AAR אקאונט, וועט די ביליגערער פרייז אויטאמאטיש גערעכנט ווערן. AAR וועט אייך נאר בעטן פאר האלב-פרייז.

5. **וואס פאסירט מיט מיין FFNYC ביליגערער פרייז פאר די סאב-וועי און באס ?**

איינמאל אייער FFNYC ביליגערער פרייז ווערט ארויפגעלייגט אויף אייער AAR, וועט אייער FFNYC ביליגערער פרייז פאר די סאב-וועי און באס זיך ענדיגן. איר קענט זיך באנוצן מיט די ביליגערער פרייז דורך די MTA רעדוצירטע פרייז (Reduced-Fare) פראגראם אויף סאב-וועיס און באסעס.

**(מישט די בלאט)**

**6. וועט FF NYC מיר געבן אן OMNY קארטל צו באצאלן פאר פארא-טראנזיט רייזעס?**

ניין. AAR וואלט אייך געגעבן אן OMNY קארטל אויב איר האט זיך איינגעשריבן אין די AAR פראגראם.

**7. וואס פאסירט אויב מיין איינשרייבונג אין FFNYC ענדיגט זיך?**

FFNYC וועט אייך שוקן א מעלדונג אויב אייער איינשרייבונג האלט זיך ביים ענדיגן. די מעלדונג וועט אייך אנגעבן די סיבה צוליב וואס און דאטום ווען אייער איינשרייבונג וועט זיך ענדיגן. נאך אייער איינשרייבונג ענדיגט זיך, וועט איר זיין פאראנטווארטליך פאר די פולע פרייז ווען איר נוצט AAR. איר קענט זיך נאכאמאל איינגעבן פאר FFNYC אויב אייער אומשטענדן טוישן זיך, און איר ווערט נאכאמאל בארעכטיגט.

**8. וואס פאסירט אויב מיין איינשרייבונג אין AAR ענדיגט זיך?**

אויב אייער AAR איינשרייבונג ענדיגט זיך, ביטע לאזט אונז וויסן דורך אריינ'לאג'ן צו אייער אקאונט אויף www.nyc.gov/accessfairfares און דרוקן אויף "Update Access-A-Ride Information".

איר קענט בעטן פאר א FFNYC ביליגערער פרייז פאר די סאב-וועי און באס אויב איר האט נישט קיין אנדערע ביליגערער פרייז פאר טראנזיט. אויב איר זענט בארעכטיגט פאר די MTA רעדורצירטע פרייז פראגראם, מוזט איר זיך איינשרייבן אין דעם כדי צו באקומען א ביליגערער פרייז אויף סאב-וועיס און באסעס.

**9. וואו קען איך באקומען מער אינפארמאציע וועגן FFNYC?**

ביטע רופט **311** אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן FFNYC. איר קענט אויך באזוכן www.nyc.gov/fairfares פאר מער אינפארמאציע.

**10. וואס איז אויב איך דארף הילף זיך איינצוגעבן פאר FFNYC צוליב א דיסאביליטי?**

ביטע רופט **311** אויב איר דארפט הילף אויסצופולן אייער FFNYC אפליקאציע אדער צו ארייננגעבן אייער דאקומענטן צוליב א דיסאביליטי.

**ביטע רופט 311 אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן די Fair Fares NYC פראגראם.**
**איר קענט אויך באזוכן nyc.gov/fairfares פאר מער אינפארמאציע**
**וועגן די Fair Fares NYC פראגראם.**